געהאַנדלט מיט כיטרעקייט קעגן אונזער פאָלק,
און געפּייניקט אונזערע עלטערן, אַז זיי זאָלן
אַרויסוואַרפן זייערע נייגעבוירענע קינדער, כדי
20 זיי זאָלן נישט בלייבן לעבן. אין דער צייט איז
משה געבוירן געוואָרן, און געווען שיין פאַר ג־ט,
און איז דריי חדשים לאַנג גענערט געוואָרן אין
21 זיין פאָטערס הויז. און ווען מען האָט אים אַרויס־
געוואָרפן, האָט פּרעהס טאָכטער אים גענומען און
22 דערצויגן פאַר זיך פאַר אַ זון. און משה איז
געלערנט געוואָרן אין יעדער חכמה פון די
מצריים, און געווען אַ גבור אין זיינע ווערטער
23 און מעשים. און ווען ער איז אַלט געוואָרן
פערציק יאָר, איז אים געקומען אויפן האַרצן צו
24 באַזוכן זיינע ברידער די קינדער ישראל. און
זעענדיק איינעם ליידן אַן עוולה, האָט ער זיך
אָנגענומען און נוקם געווען פאַר דעם געליטע־
25 נעם, דערשלאָגנדיק דעם מצרי. און האָט געמיינט,
אַז זיינע ברידער וועלן פאַרשטיין, אַז ג־ט
גיט זיי ישועה דורך זיין האַנט, זיי אָבער האָבן
26 נישט פאַרשטאַנען. און דעם אַנדערן טאָג האָט ער
זיך באַוויזן צו זיי, בשעת זיי האָבן זיך געקריגט,
און האָט געוואָלט מאַכן שלום צווישן זיי,
און געזאָגט: מענער, איר זענט (דאָך) ברידער,
פאַרוואָס טוט איר אַן עוולה איינער דעם אַנדערן?
27 און דער, וואָס האָט באַעוולט זיין חבר, האָט אים
אָפּגעשטויסן, זאָגנדיק: ווער האָט דיך געשטעלט פאַר
28 אַ שר און אַ שופט איבער אונז? צי ווילסטו מיך
הרגענען, אַזוי, ווי דו האָסט נעכטן געהרגעט דעם
29 מצרי? איז משה אַנטלאָפן איבער דעם דאָזיקן
וואָרט און געווען אַ פרעמדער אין לאַנד פון
30 מדין, וואו ער האָט געבוירן צוויי זין. און ווען